פרשת וירא תשפ"ג
גליון 48

א גריס פון

# בית פיגא

## א ברייוו פונעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך, יום ד' פרשת תולדות, ב' כסליו, שנת תשפ"א לפרט קטן

*לכבוד די תלמידות פון בית פיגא ברסלב שתחיו.*

אז איר ווילט מיר מאכן נחת זאלט איר זייער אכטונג געבן נישט וויי צו טון קיינעם; איר זאלט שטענדיג טראכטן פון א צווייטן, איר זאלט זיין פארזיכטיג ווען איר זאגט ארויס א ווארט עס זאל נישט וויי טון יענעם.

טייערע תלמידות, נעמט דעם ספר תהלים פאר אייער פריינט; וואו איר גייט זאלט איר מיטנעמען דעם תהילים. זאגט יעדן טאג דעם יום תהילים, אזוי וועט איר עס ענדיגן יעדע וואך, אויב עס איז שווער צו זאגן דעם גאנצן יום זאלט איר זאגן וויפיל איר קענט.

ווען איר קומט אהיים זאלט איר העלפן די מאמע; זוכט נישט ארויסצוגיין פון שטוב, ענדערש בלייבט העלפן די מאמע.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט מצליח זיין מיט אלע אייערע וועגן.

# די פארלוירענע בת מלך

## סיפורי מעשיות מעשה א'

### חלק ב'



אִיז אוֹיף גְעשְׁטַאנֶען דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת. מַחֲמַת עֶר הָאט גִיזֶען. דֶער מֶלֶךְ הָאט גְרוֹיס צַעַר. אוּן הָאט גִיבֶּעטְן אַז מֶען זָאל אִים גֶעבְּן אֵיין מְשָׁרֵת מִיט אֵיין פֶערְד אוּן גֶעלְט אוֹיף הוֹצָאוֹת, אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען זִי זוּכְן.



הָאט עֶר זִי זֵייעֶר גִיזוּכְט, זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט, בִּיז עֶר הָאט זִי גִיפוּנֶען. (הַיינְט דֶערצֵיילְט עֶר ווִי אַזוֹי עֶר הָאט זִי גִיזוּכְט בִּיז עֶר הָאט זִי גִיפוּנֶען)

אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אַ לַאנְגֶע צַייט. אִין מִדְבָּרִיוֹת אוּן אִין פֶעלְדֶער אוּן אִין ווֶעלדֶער אוּן הָאט זִי גִיזוּכְט זֵייעֶר אֵ לַאנְגֶע צַייט. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אִין מִדְבָּר אוּן הָאט גִיזֶען אַוֶועג פוּן דֶער זַייט. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען בַּאֲשֶׁר אִיךְ גֵיי אַזוֹי אַ לַאנְגֶע צַייט אִין דֶער מִדְבָּר אוּן קָאן זִי נִיט גִיפִינֶען. לָאם אִיךְ גֵייעֶן אוֹיף דֶעם וֶועג. טָאמֶער ווֶעל אִיךְ קוּמֶען צוּ אֵיין יִשׁוּב.

פארזעצונג קומט אי"ה

# מיידלעך דערציילן

## מעשיות פון תפילה

### רחלע שניטצלער דערציילט:

ס'איז געווען 4:00 אינמיטן נאכט, אונזער גאנצע משפחה איז טיף געשלאפן, ווען אינמיטן האט מיין קליינע ברודער וואס שלאפט אין מיין שטוב זיך אויפגעוועקט און אנגעפאנגען צו וויינען. איך האב פרובירט אים צו בארואיגן און אים צוריקלייגן שלאפן, אבער ער האט ווייטער געוויינט. האב איך אנגעפאנגען צו בעטן די אייבערשטער "אייבערשטער העלף ער זאל שוין צוריק איינשלאפן און איך זאל שוין אויך קענען צוריקגיין שלאפן" און ש'כח אייבערשטער אז ער איז צוריק איינגעשלאפן.

### רחי שפילמאן דערציילט:

מיין מאמע האט מיך געפרעגט אויב איך וויל קומען צו עפעס א תנאים, אבער איך האב נישט געקענט באשליסן אויב איך וויל גיין אדער נישט. האב איך געבעטן די אייבערשטער איך זאל וויסן וואס צו טון, אויב איך זאל יא גיין אדער נישט גיין, ביז איך האב זיך דערמאנט פון מיין נייע קלייד וואס איך האב שוין אזוי לאנג געוואלט אנטון, האב איך געוויסט אז איך וועל יא גיין צו די תנאים.

### בלומי אינדיג דערציילט:

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך וויל האבן שיינע נייע קליידער פאר די ווינטער, און איין טאג איז מיין שוועסטער געקומען צו אונזער הויז מיט אסאך שיינע זאכן וואס זי דארף מער נישט, און ש'כח אייבערשטער איך האב באקומען נייע קליידער!

# נייעס אין בית פיגא

**מוצאי שבת פרשת לך לך איז פארגעקומען א הערליכע מלוה מלכה פאר די בית פיגא מיידלעך פון קרית ברסלב ליבערטי!**

**עס האט זיך אנגעהויבן 9:00 ווען מען האט זיך געוואשן צו א רייכע מלוה מלכה אין די בית המדרש אשר בנחל, ווי אלע מיידלעך זענען זיך צאמגעקומען. דערנאך האט מרת לעזער דערציילט א הערליכע מעשה פון א תלמיד פונעם הייליגן בעל שם טוב, ווי אזוי ער איז געווארן אויסגעהיילט פון זיין קרענק בזכות דעם וואס ער האט געהאט אמונה, ער האט געגלייבט אז די אייבערשטער גייט אים העלפן און אים אויסהיילן. נאכדעם איז מען ווייטער געגאנגען מיט די הערליכע פראגראם, און ביים סוף האט מען אנגעצינדן לעבעדיגע מוזיק, מען האט געטאנצן און מען האט געזאגט ש'כח אייבערשטער אז מיר ווייסן פון די רבי!**

# א שמועס אין בית פיגא

**לכבוד די צווייטע גליון פון בית פיגא תשפ"ג, האבן מיר אפגעהאלטן א שמועס מיט א לערערין אין בית פיגא קרית ברסלב, מרת (פריידל) רוטה. מיר וועלן הערן אביסל וועגן אירע שיינע ווייסע שירצלעך פאר לעכט צינדן וואס זי נייט.**

**ווען האסטו אנגעפאנגען צו נייען שירצלעך?**

ס'איז געווען בערך א יאר נאך מיין חתונה, פאר ראש השנה, ווען איך האב געדארפט האבן א נייע ווייסע שירצל. איינער האט מיך דערציילט אז זי האט גענייט אליינס א שירצל, האב איך געטראכט אז איך וועל פרובירן.

איך האב געקויפט סחורה גענוג פאר דריי ווייסע שירצלעך, און איך האב גענייט איינס פאר מיך, איינס פאר מיין מאמע, און איינס פאר מיין שוויגער. פארשטייט זיך אז איך האב אסאך געבעטן די אייבערשטער אז ס'זאל גוט געלונגען, און עס זאל זיין זייער שיין. ש'כח אייבערשטער אז עס איז געלונגען! האב איך געטראכט אז עס איז א גוטע געדאנק, און איך קען אנהייבן פארקויפן ווייסע שירצלעך.

**האסטו עפעס א שיינע מעשה צו פארציילן וועגן א שירצל וואס דו האסט געמאכט?**

ס'איז געווען ווען איך האב געטראכט צו נייען א שירצל אלס א מתנה פאר מיין באבע, די ראש ישיבה'ס מאמע. פאר איך האב איר עס געגעבן, האב איך געטראכט נע, מן הסתם גייט זי עס אפילו נישט נוצן, וואס דארף זי מיין שירצל, זי האט דען נישט איר אייגענע? דעמאלטס האט די ראש ישיבה גערעדט פון די מעשה פון די חכם און די תם, ווי די תם האט זיך געפירט פשוט, מיט תמימות, האב איך געטראכט, פארוואס דארף איך טראכטן ווי א חכם, אז אפשר האט זי א בעסערע, און אפשר דארף זי עס נישט... ווען איך קען טראכטן ווי א תם, איך קען טראכטן גוט, אז זי גייט זיך פרייען פאר עס! און טאקע, זי האט זיך אזוי געפרייט מיט די מתנה!

**וואס נאך קענסטו דערציילן פאר די מיידלעך אין בית פיגא?**

בשעת איך ניי די שירצלעך איז א גוטע צייט וואס איך קען דעמאלטס שמועסן מיט די אייבערשטער, און בעטן די אייבערשטער וואס איך דארף. און אויב ווייס איך פאר וועמען איך ניי די שירצל, בעט איך אויך פאר יענעם. אבער מען דארף נישט דווקא נייען שירצלעך צו קענען בעטן די אייבערשטער... ווען דו האסט אפאר מינוט, בעט די אייבערשטער אין דיין שפראך פאר אלעס וואס דו ווילסט!

רבי נתן זכרונו לברכה האט געבעטן זיין ווייב און טעכטער, אז ווען זיי צינדן אן די שבת ליכט זאלן זיי בעטן: **"רבונו של עולם, אזוי ווי איך צינד אן די שבת ליכט און איך מאך ליכטיג דא אין שטוב, זאלסטו ליכטיג מאכן פאר אלע אידן, זאלסט אריין שיינען אין אלע אידן די ליכט פונעם הייליגן רבי'ן"**; אזוי דארפן אלע פרויען בעטן: **"רבונו של עולם, טאטע זיסער! גיב מיר א שיינע שבת, א שיינע לעבן, א לעבן מיט שלום, א לעבן מיט ליבשאפט; איך זאל זיך אויסקומען מיט מיין מאן און איך זאל אים שעצן. רבונו של עולם הער אויס מיין געבעט, העלף מיר איך זאל האבן ערליכע קינדער וואס וועלן דיר דינען מיט ליבשאפט. רבונו של עולם אזוי ווי איך מאך ליכטיג די שטוב איך צינד יעצט אן די שבת ליכט, מאך אונז ליכטיג אונזער לעבן און מאך ליכטיג פאר אלע אידישע קינדער; אלע זאלן וויסן פון דיר, אלע זאלן וויסן פון הייליגן רבי'ן".**

